ספרי׳ — **אוצר החסידים** — ליובאוויטש

# רשימת זכרונות

**כתובים בידי הרבנית הצדקנית**
**מרת חנה ע״ה ז״ל**

**אשת כ״ק הרה״ג והרה״ח המקובל**
## מוהר״ר ר׳ לוי יצחק
**זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע**

**הוריו של כבוד קדושת**
## אדמו״ר מנחם מענדל
**זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע**
**שניאורסאהן**
מליובאוויטש

•

יוצא לאור על ידי מערכת
**„אוצר החסידים״**

770 איסטערן פאַרקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שבעים ושתים לבריאה
שנת המאתיים להסתלקות־הילולא של כ״ק אדמו״ר הזקן

# Reshimas Zichronos

kesuvim bidei harabanis hatzidkanis
maras Chana

Installment 27

Published and Copyrighted © 2012
by
**Kehot Publication Society**
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / Fax (718) 774-2718
editor@kehot.com

**Orders:**
291 Kingston Avenue / Brooklyn, New York 11213
(718) 778-0226 / Fax (718) 778-4148
www.kehot.com

All rights reserved.

The Kehot logo is a trademark of Merkos L'Inyonei Chinuch.

*Manufactured in the United States of America*

נסדר והוכן לדפוס על ידי חיים שאול בן חנה

The PrintHouse 538 Johnson Ave. Brooklyn N.Y. 11237 (718) 628-6700 :נדפס בדפוס

ב"ה.

# פתח דבר

הננו מו"ל בזה חוברת כ"ז של „זכרונות" שנרשמו ע"י הרבנית הצדקנית מרת חנה ע"ה, אמו של כ"ק אדמו"ר זי"ע.

בהוצאה זו, באה הרשימה כפי שנעתקה מכתב־ידה של הרבנית, ולאח"ז גם בתרגום ללה"ק, ובתוספת ציונים והערות בשוה"ג, כמבואר בפרטיות ב„פתח דבר" לחוברת הראשונה.

*

ויהי רצון שההוספה בהפצת המעיינות חוצה, תזרז את הגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, בקרוב ממש.

**מערכת „אוצר החסידים"**

ב' אייר, ה'תשע"ב
שנת המאתיים להסתלקות־הילולא של כ"ק אדמו"ר הזקן
ברוקלין, נ.י.

# מיט אַ יעקאַטערינאָסלאַווער איד אין לעמבערג

פאָרנדיק אין אַמריקע אין דעם 46’טן יאָר, האָב איך זיך אויף מיין וועג אָפּגעשטעלט אין לעמבערג אויף אַ וואָך, צוליב איינאָרדענען אייניקע פּאַפּירן.

זייענדיק דאָרט, האָב איך געוואָוינט אין אַ שטוב מיט נאָך עטליכע דורכפאָרער. די אַרבעט איז געווען אַ קאָנספּיראַטיווע[402], און מען האָט ניט געדאַרפט וויסן ווער איך בין.

ווי עס מאַכט זיך אָפט אין לעבן, איז דער בעל־הבית פון וואָינונג געווען אַ יעקאַטערינאָסלאַווער — ווי איך האָב זיך דערנאָך דערוואוסט — איינמאָל ביינאַכט, אַז איך בין אַרויסגעגאַנגען פון מיין צימער, האָט ער מיט מיר פאַרפירט אַ שמועס, און האָט מיר דערציילט אַז פון זיין שטאָט יעקאַטערינאָסלאַוו, האָט מען פאַרשיקט דעם רבֿ, און ער איז געשטאָרבן. און האָט מיר אָנגעהויבן — נאָך זייך הבנה — לויבן אים, און דערציילט מיר ווי מען האָט פון אים אין שטאָט געהאַלטן, און ווי זיי קענען אים נאָך איצט ניט פאַרגעסן.

ער האָט מיר אויך דערציילט, אַז ער האָט דער רעביצין (ער האָט מיר ניט דערקענט) אַוועקגעטראָגן עטליכע קילאָ צוקער אויף אים צושיקן אַ פּעקל אין ססילקע[49].

איך האָב זיך דערנאָך דערמאָנט אַז עס איז ריכטיק, ווייל קיין צוקער איז דעמאָלט ניט געווען אין שטאָט, און זיין זון איז געווען אַ פּרינציפּאַל אין אַ מלוכה געשעפט, האָט ער מיר דאָס צוגעשיקט דורך זיין פאָטער, איך זאָל דאָס אַוועקשיקן דעם רבֿ.

* * *

402) בסודיות.

## ר׳ מרדכי גורארי ע״ה

ווי ער האָט געהאַט עפּעס־וואָס אַ מעגליכקייט צו רעדן עפּעס־וואָס מיט דעם עולם, האָט ער דאָס אַלץ גענוצט.

צו אונז אין שטוב האָט אָנגעהויבן אַריינגיין אַ אינגל מיטיא גוראַרי[403]. זיין פאָטער[404] איז געווען אַן אָנגעשטעלטער ביי זיינע קרובים גוראַרי דאָרט אין שטאָט. ער איז געווען אַ פרייער אינגל, אַ שולער פון מיטל סקול דעמאָלט, מיט זייער אַן אָרענטליכן איידעלעם כאַראַקטער.

ער האָט זיך באַקאָנט מיט אונזערע קינדער, האָט אָנגעהויבן גיין צו חסידות, און האָט זיך זייער איבערגעגעבן און צוגעבונדן צו אָט דער סאָרט וועלט. ער איז געוואָרן אַ שומר שבת, און, מעג מען זאָגן, איבעראַל אַ ירא־שמים.

ער האָט נאָך געדאַרפט ענדיקן זיין לערנען, אָבער זיינע חברים מיט די טיטשער האָבן באַמערקט אַז ער איז עפּעס פרומער געוואָרן, האָט מען אים שוין אָנגעהויבן רודפ׳ן, און איבער דעם איז אים שוין געווען שווער אַריינגיין אין אוניווערסיטעט, מען פלעגט אים אַלץ ניט צולאָזן. אַמאָל האָט אים דער רעקטאָר פון אוניווערסיטעט געזאָגט אַז שניאורסאָהן זאָל אים העלפן, זיי קענען אים ניט העלפן.

ווען זיי האָבן אים שוין מער ניט געקאָנט מדחה זיין, האָבן זיי אים צוגענומען. נאָר זיי האָבן אים אויף דער צייט פון „קאָניקולס״[405], אַוועקגעשיקט אין קאָלכאָז[264], ער זאָל דאָרטן אַרבעטן. אַלע טאָג איז געווען צו אונז בריף, אַלץ מיט שאלות, וואָס מען מעג דאָרט טאָן און וואָס ניט.

* * *

## פאַרשפרייטן אידישקייט

בעת מען האָט אים געשיקט אין שטאָט מיט „קאַמענדיראָווקעס״[374]

---

403) מרדכי. נולד בשנת תרס״ה (לערך). על מידת קירובו לר׳ לוי יצחק — ראה גם „תולדות לוי יצחק״ ח״א ע׳ 172. ע׳ 174 ואילך.

404) יוסף ב״ר משה. נפטר לערך תש״י כבן שבעים.

405) פגרה; ימי חופש מלימודים.

איינקויפן אַלץ וואָס מען דאַרף פאַר דער „קאָנצעלאַריע"[406] — איז די חברים וואָס זיינען מיט אים מיטגעפאָרן, האָבן געפירט מיט זיך פוטער און נאָך אַזעלכע פּראָדוקטן אין שטאָט אויף פאַרדינען געלט, ער אָבער, האָט אויסגעפונען וואו עס וואָינען אידן, און ווי, ווער און וואָס נויטיקט זיך אין רעליגיעזע הצטרכות.

און ביי אים אין „פּאָרטפעלי"[407] איז געווען פול מיט מזוזות, ציצית, סידורים, אלף־בית׳ן וכדומה, און פלעגט דאָס בגניבה בריינגען און צוטיילן אַלץ ווי דער רב האָט אים געהייסן.

בגילוי איז ער געווען אַ הונדערט פּראָצענט חבר[408], וואָס אַלע האָבן אים ליב געהאַט, אפילו די גוים אויך.

ער פלעגט אַלע טאָג דאַוונען מיט תפילין, אָבער דאָס האָט קיין ילוד אשה ניט געטאָרט באַמערקן, האָט ער זיך איינגעאָרדנט אין פעלד, פאַרטאָג, בעת די גוים זיינען נאָך ניט געווען אַלע וואַך. איז אין פעלד וואו עס האָט געוואָקסן הויכע קאָרן, און ער איז געווען פון אַ ניעדריקן וואוקס, האָט ער דאָרט זיך באַהאַלטן און געדאַוונט, די תפילין אונטערן היטל.

אין דער צייט איז געווען חנוכה, דאַרף מען דאָך בענטשן חנוכה־ליכט. פון אים, פון זיין אַרבעט, זיינען זיינע בעלי־בתים געווען זייער צופרידן, האָט מען אים געהייסן וואָינען אין „קראַסני־אוגולאַק"[409] און ער האָט פון דאָרט געדאַרפט פאַרשפרייטן ליכטיקייט פון השכלה אויף די דאָרפס־לייט.

אינסטרוקציעס ווי צו פירן זיך, פלעגט ער נעמען ביי שניאורסאָהן, און ס׳איז דורכגעגאַנגען אַלץ בשלום.

אָבער איינמאָל האָט מען אַריינגעשיקט פון שטאָט אַ אידישן יונגערמאַן אויף צו זען ווי עס גייט די אַרבעט אין „קאָלכאָז", און ער איז געקומען צוועלף אַזייגער ביינאַכט אין „קראַסני־אוגולאַק" און ער האָט דאָרט געפונען די חנוכה־ליכטלעך ברענען, און אַלס איד האָט ער גלייך

(406) משרד.

(407) תיק.

(408) חבר הקומסומול.

(409) „הפינה האדומה" — חדר או מבנה מיוחד לפעילות קומוניסטית.

פאַרשטאַנען וואָס דאָס איז, חאָטש דאָס האָט געברענט בוימל אין קאַרטאָפליעס[126].

געוויינליך, כדרכם־בקדש, האָט מען דאָס גלייך איבערגעגעבן אין קאָם־סאָמאָל[410]. און אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מען אים פון דער אַרבעט אַראָפּגענומען.

און אַזוי האָט ער ווייטער געלערנט מיט מסירת־נפש אויף יעדער דקדוק קל של דברי־סופרים.

ימים־נוראים פלעגט ער דאַוונען ביי אונז אין שטוב, די שכנים זאָלן אים ניט באַמערקן, און אינדערפרי פלעגט ער אַוועקגיין אין אוניוועסיטעט נאָר זיך צו רעגיסטרירן.

* * *

## אַ שטריינג רעליגיעזע לוי׳

בעת ער איז שוין געווען אויף דעם דריטן קורס, איז ער אַמאָל זומער[411] געגאַנגען זיך באָדן[412], און האָט זיך, ר״ל, ניט אומגעקערט צוריק. דאָס איז געווען אַ גרויסער בראָך. ער איז געווען אַ בן־יחיד ביי זיינע עלטערן, דערנאָך איז ער געווען זייער מפורסם ביי דער רעליגיעזער באַפלעקערונג.

און אויף דעם אוניווערזיטעט האָט דאָס אויך געמאַכט אַ שטאַרקן רושם, און גלייך האָבן זיי צוגעשיקט איין דעלעגאַציע נאָך דער צווייטער, אַז זי וויל מאַכן די לוי׳ אויך אויף די הוצאות פון דער מלוכה, ווייל זיי שעצן אים זייער הויך.

באַ דעם מיטיא ע״ה איז געווען אַ שוועסטער[413], אויך זייער אַן איידעלער אָרענטליכער מענטש, נאָר אַ קאָמוניסטקא, און איז שוין

---

410) תנועת הנוער של המפלגה הקומוניסטית.

411) יום ועש״ק, כ׳ סיון תרצ״ה. שמונה חדשים לאח״ז — נולד בנו ונקרא שמו בישראל מרדכי ב״ר מרדכי גוראריי׳.

412) כנראה הלך לטבול לכבוד שבת־קודש.

413) מרת שרה.

געווען סעקרעטאַרן אין „קאָם־יאָשטייקע"[414] פון קאָמסאָמאָל אויף פעטראָווסקעס־זאַוואָד[373], דאָס איז אַזאַ מדריגה וואָס „לא כל אדם זוכה".

אין די דעלגאַציעס פון דעם אוניווערסיטעט זיינען אויך געווען קאָמוניסטן, האָבן זיי זיך צו איר געווענדעט וועגן דעם סדר פון דעם מְלַוֶה זיין איר ברודער. זי האָט זיי געענטפערט, אַז אירע עלטערן זיינען רעליגיעזע, און זי אַלס קאָמוניסטקא, קען זיך אין דעם ניט מישן. און איז געקומען צו אונז צולויפן מיט אַ געוויין: „רבי, איך ווייס אַז מיטיא׳ס רצון איז אייער רצון, און אַלץ וואָס איר וועט הייסן אַזוי וועלן מיר טאָן".

זעלבספאַרשטענדליך אַז די לוי׳ איז געווען אַ שטריינג רעליגיעזע, ווי ער איז געווען אַ פרום געשטימטער. אַלטע און יונגע אידן זיינען געקומען, די גאַס איז געווען שוואַרץ פון מענטשן, און ווען מען האָט אים צוגעטראָגן צום שול וואו זיינע עלטערן האָבן געדאַוונט, האָט מען אים, דאָרט הייסט דאָס, מספיד געווען.

פון אוניווערסיטעט זיינען געקומען אַ סך סטודענטן מיט עטליכע לערער אין אַן אָפיצעלע דעלעגאַציע. אָבער זיי זיינען געשטאַנען פון ווייטן, און האָבן ניט צוגענומען קיין אָנטייל אין דעם.

* * *

## דער הספד פון דעם רב

די גבאים פון שול, האָבן אַרויסגעטראָגן אַ טיש אויף דער גאַס לעבן דער שול, און האָבן געבעטן דער רב זאָל רעדן.

ער האָט גערעדט העכער אַ שעה. דערציילט אַלע זיינע הנהגות פון זיין לעבן, אַלץ ווי ער האָט זיך געפירט בעת די לימודים און אין דער היים, אַלץ מיט שטאַרקייט, זיך געווענדעט צו דער יונגט, ווי מען קען זיין פרום און דאָס שטערט ניט צו זיין אַ מענטש אין דער וועלט אויך.

זיינע רייד האָבן געהאַט אַ מורא׳דיקע ווירקונג אויף די הערער. אַ סך האָבן געמיינט אַז מען וועט דעם רב געוויס „פאַרנעמען" נאָך דעם

414) מזכירת התא הקומוניסטי מטעם הקומסומול.

ריידן. אָבער דאָס איז געווען, דאַכט זיך, אין 35׳טן יאָר, און צוגענומען האָט מען אים ערשט אין 39׳טן יאָר.

נאָר די שוועסטער האָט געדאַרפט אין דעם 36׳טן יאָר אַריין אין „קדשי־קדשים״ פון קאָם־סאָמאָל, אין פּאַרטי, האָט מען איר געזאָגט: אַז איצט — לאו!

פאַר איר ווענדן זיך צו שניאורסאָהן בעת דער ברודער האָט זיך געפּעלט, מיט עצות איך להתנהג, איז זי ניט ראוי דערווייל צו אַזאַ „גדולה״ — מען ווען זען מיט דער צייט...

פון וואַנען האָבן זיי דאָס דערוואוסט, איז ניט פאַרשטענדליך, עופי־השמים[415]... זי האָט באַשטימט אַז זי האָט ניט דערציילט, פון אונזער שטוב, האָט דאָס אויך קיינער ניט אַרויסגעגעבן. אַ פלא ווי מען דערוויסט זיך אַלץ דאָרט.

פון דער לוי׳ מיט דעם רב׳ס הספד, האָט מען אַ לאַנגע צייט גערעדט אין אַלע־ערליי קרייזן.

זייענדיק אין מאָסקווא און דערנאָך אין פּאַרישז, האָבן מיר עטליכע מענטשן געזאָגט, ווי זיי קענען ניט פאַרגעסן די מעשיות וואָס ער האָט זיי דערציילט פון רביים און נאָך. זיי האָבן מיך דערמאָנט, אַז בעת ער פלעגט איבערגעבן עפּעס אַ מעשה, ווי אַלעקסיא דעם בעל־שמ׳ס משרת, האָט אַמאָל געזען ווי אַ שוחט שטעלט אַ חלף, שפּייט אויף דעם שטיין און רייבט דעם חלף מיט דער נאַסקייט. האָט דער גוי געזאָגט: „איסראָליק, ביוואַלע ניע טאַק דיעלאָיעט, אָן ביוואַלע פלאַטשעט אַנאַ סליעזאַך נאַטיראָיעט נאַזש״[416]. און ווען ער האָט דאָס געזאָגט, פלעגט ער ווערן אַזוי רויט, און פון די אויגן האָבן זיך געגאָסן גרויסע טרערן! ניט אַלע פילן און גייען אַזוי אַריבער אין דער וועלט פון ווערטער זיי דערציילן.

* * *

415) ע״פ קהלת י, כ: „עוף השמים יוליך את הקול״.

416) ישראל׳יק — הכוונה על הבעש״ט — לא הי׳ עושה כמוך, הוא הי׳ בוכה בדמעות ובהם הי׳ מחדד את הסכין (ראה גם „שמועות וסיפורים״ ח״ג (נ.י. תש״נ) ע׳ 148).

## מפגש בלמברג עם יהודי מיקטרינוסלב

בדרך נסיעתי לאמריקה, בשנת 1946, התעכבתי למשך שבוע בלמברג, כדי לסדר אי־אלו מסמכים.

במשך שהותי שם התגוררתי בבית כלשהו, יחד עם כמה נוסעי־מעבר נוספים. התהליך כולו היה חשאי, ואסור היה שתיוודע זהותי.

כפי שקורה לעתים קרובות בחיים — בעל־הבית של דירה זו היה מיקטרינוסלב. הדבר נודע לי רק לאחר שכבר הייתי שם:

לילה אחד, כשיצאתי מחדרי, החל האיש לנהל אתי שיחה, וסיפר שרבה של עירו יקטרינוסלב הוגלה מהעיר, ולאחר־מכן נפטר. האיש החל לשבח בפני — לפי מדת הבנתו — את הרב, ולספר לי עד כמה כל תושבי העיר העריכוהו, ועד כמה עדיין אין הם יכולים לשכוח אותו. הוא אף הוסיף וסיפר שהוא עצמו הוביל אל בית הרבנית (הוא לא זיהה אותי) קילוגרמים אחדים של סוכר כדי לשלוח אליו בחבילה למקום גלותו.

לאחר־מכן נזכרתי שהסיפור אכן היה אמיתי. באותה תקופה לא ניתן היה להשיג סוכר בעיר, ובנו של איש זה היה מנהל של חנות ממשלתית, והוא שלח אלי את הסוכר באמצעות אביו כדי שאשלח זאת אל הרב.

## על ר׳ מרדכי גורואריה

כל אימת שהיתה לבעלי הזדמנות כלשהי לבוא בדברים עם הציבור — הוא תמיד ניצל זאת.

יום אחד החל לבקר בביתנו נער בשם מיטיא[210] גורואריה[211]. אביו[212] היה פקיד אצל קרוביו למשפחת גורואריה בעיר. הנער, שלא היה שומר מצוות, היה אז תלמיד בבית־הספר התיכון, בעל אופי הגון ואצילי מאוד.

הנער התיידד עם ילדינו, החל להגיע לאמירת חסידות, וקשר את עצמו מתוך התמסרות רבה לסגנון חיים זה. הוא החל לשמור שבת, וניתן לומר שהפך לירא־שמים במלוא מובן המילה.

210) = מרדכי.

211) נולד בשנת תרס״ה (לערך). על מידת קירובו לרלוי״צ — ראה גם ״תולדות לוי יצחק״ ח״א ע׳ 172. ע׳ 174 ואילך.

212) יוסף ב״ר משה. נפטר לערך בשנת תש״י בהיותו כבן שבעים.

עדיין היה עליו לסיים את לימודיו בבית־הספר, אבל חבריו ומוריו הבחינו כבר בהתקרבותו לחיי תורה ומצוות, והחלו לרודפו. בשל כך הוא התקשה להתקבל לאוניברסיטה, ושוב ושוב דחו את בקשותיו. פעם אמר לו רקטור האוניברסיטה, ששניאורסון יעזור לו, שכן הם אינם יכולים לעזור לו...

לבסוף הגיע שלב שכבר לא יכלו לדחותו, וקיבלוהו לאוניברסיטה, אך בתקופת הפגרה שלחוהו לקולחוז כדי שיעבוד שם. מדי יום היו מגיעים אלינו מכתבים מלאי שאלות — מה מותר לעשות שם ומה אסור.

כששלחו אותו מן הקולחוז אל העיר בנסיעת עסקים, כדי לרכוש את כל הדרוש עבור משרדי הקולחוז — החברים שנסעו יחד אתו הביאו עמהם אל העיר חמאה ומוצרים דומים אחרים, כדי להרוויח כסף ממכירתם; ואילו הוא בירר היכן מתגוררים יהודים, ומה בדיוק נחוץ להם מבחינת צרכי דת. תיקו היה מלא במזוזות, ציציות, סידורים, לוחות אל״ף־בי״ת וכדומה, אותם היה מביא עמו בגנבה ומחלק במקומות שונים, הכל על־פי ציוויו של הרב.

בגלוי הוא היה חבר קומסומול בכל מאת האחוזים, והכל חיבבוהו — אפילו הגויים.

מדי יום ביומו היה מתפלל כשהוא עטור בתפילין, אבל אסור היה לאף ילוד אשה להבחין בכך. הוא סידר לעצמו מקום לתפילה בשדה, ולפנות־בוקר — בשעה שהגויים עדיין לא התעוררו כולם — היה יוצא אל השדה, למקום שבו צמחה תבואה לגובה רב, ובהיותו נמוך־קומה היה מתחבא בין השיבולים ומתפלל כשתפיליו מכוסות בכובעו.

באותה תקופה חלו ימי החנוכה, והרי צריך להדליק נרות חנוכה ולברך עליהם.

הממונים עליו היו שבעי־רצון מאוד מעבודתו, והורו לו להתגורר ב״פינה האדומה״[213], ומשם היה עליו להפיץ את ״אור ההשכלה״ בקרב הכפריים. הוראות כיצד לנהוג בעניין זה — קיבל משניאורסון, והכל עבר בשלום.

אולם, פעם אחת נשלח אל הקולחוז צעיר יהודי מהעיר כדי לעמוד מקרוב על העבודה המתבצעת בקולחוז, ובשעה שתים־עשרה בלילה הגיע אל ״הפינה האדומה״, וראה שם את נרות החנוכה דולקים... כיהודי

---

213) חדר או מבנה מיוחד לפעילות קומוניסטית.

הוא הבין היטב במה מדובר, על־אף שה״חנוכייה״ שדלקה שם לא היתה אלא שמן בתוך תפוחי־אדמה.

כדרכם בקודש — הדבר דווח מיד לקומסומול, ולא יצאו ימים מועטים עד שהנער פוטר מעבודה זו.

כך המשיך ללמוד תורה מתוך מסירות־נפש, ולהקפיד על כל דקדוק קל של דברי סופרים.

בימים הנוראים נהג להתפלל בביתנו, כדי ששכניו לא יבחינו בכך שהוא מתפלל, ובבוקר היה הולך אל האוניברסיטה רק כדי להירשם.

ביום קיצי אחד[214], בעיצומו של הקורס השלישי באוניברסיטה, הלך לרחוץ בנהר[215], ולא שב ר״ל. היה זה שבר גדול. הוא היה בן יחיד להוריו, ונוסף לכך היה מפורסם מאוד בקרב ציבור שומרי־התורה.

פטירתו עשתה רושם חזק גם על האוניברסיטה. האוניברסיטה שלחה משלחת אחרי משלחת כדי להודיע שבכוונתה לערוך את ההלווייה על חשבון הממשלה, בשל הערכתם הרבה לנפטר.

למיטיא זה, עליו השלום, היתה אחות[216], אף היא הגונה ואצילית מאוד, אבל קומוניסטית. היא הגיעה כבר לדרגת מזכירת התא הקומוניסטי מטעם הקומסומול במפעל פטרובסקי — דרגה שלא כל אדם זוכה לה...

גם במשלחות מטעם האוניברסיטה היו קומוניסטים, והם פנו אליה בעניין סדר הלוויית אחיה. היא ענתה להם שהוריה הם שומרי מצוות, והיא כקומוניסטית אינה יכולה להתערב בכך. היא באה אלינו בריצה, בוכייה: ״רבי, אני יודעת שרצונו של מיטיא הוא רצונכם, וככל שתצוו — כך נעשה!״

מובן מאליו שההלווייה היתה דתית לחלוטין, כשם שהנפטר היה שומר־דת. השתתפו בה יהודים מבוגרים וצעירים. הרחוב היה שחור מאנשים. המלווים נשאו את הנפטר אל בית־הכנסת שבו התפללו הוריו, ושם הספידוהו (כך היו מכנים זאת שם).

מהאוניברסיטה הגיעו סטודנטים רבים בלוויית מספר מורים

214) יום ועש״ק כ׳ סיון תרצ״ה. שמונה חודשים לאחר־מכן נולד בנו, ונקרא שמו בישראל מרדכי ב״ר מרדכי גוראַרי.

215) כנראה הלך לטבול לכבוד שבת־קודש.

216) מרת שרה.

במסגרת משלחת רשמית, אבל הם עמדו מרחוק ולא נטלו חלק בהלווייה עצמה.

גבאי בית־הכנסת הוציאו שולחן אל הרחוב הסמוך לבית־הכנסת, וביקשו מהרב לשאת דברים.

הרב נאם למעלה משעה. הוא סיפר על כל הנהגותיו של הנפטר בחייו, על התנהגותו בזמן הלימודים ועל אורח־חייו בביתו, הכל מתוך תוקף ועוז־רוח. הרב פנה אל הנוער והוכיח להם שיכול אדם לחיות חיי תורה ומצוות מבלי שהדבר ימנע אותו מלהיות מעורה גם בענייני העולם.

דבריו נחלו השפעה עצומה על השומעים. רבים סברו שבוודאי הרב ייעצר בתום דבריו. למעשה התרחש מאורע זה, כמדומתני, בשנת 1935, ואילו בעלי נעצר לראשונה בשנת 1939.

בשנת 1936, כשהגיע זמנה של אחות הנפטר להצטרף ל״קודש־הקדשים״ של הקומסומול — למפלגה עצמה — נאמר לה: לעת־עתה — לא! פנייתה אל שניאורסון בעת פטירת אחיה כדי להתייעץ עמו כיצד להתנהג בהלווייה מוכיחה כי היא אינה ראויה עדיין ל״גדולה״ זו. עם הזמן יבדקו שוב אם היא ראויה לכך...

מניין נודע להם על פנייתה אל הרב — קשה להבין. כנראה מעוף השמים[217]... היא עצמה בוודאי לא סיפרה על כך, וגם מביתנו איש לא גילה עובדה זו. מפליא כיצד הם יודעים שם על הכל.

זמן רב לאחר־מכן היו עדיין הלווייה זו והספדו של הרב שיחת־היום בכל החוגים.

## סיפורים חסידיים בדמעות שליש

בהיותי במוסקבה, ולאחר־מכן בפאריז, אמרו לי כמה וכמה אנשים שאינם יכולים לשכוח את הסיפורים שסיפר להם בעלי על רבותינו נשיאינו ועוד. הם הזכירו לי, שבשעה שבעלי היה חוזר על סיפור שכזה — כמו הסיפור על אלכסיי משרתו של הבעש״ט, שראה פעם שוחט מעמיד סכין על־ידי יריקה על אבן ההשחזה והשחזת הסכין על־ידי רטיבות זו, ואמר לו אותו גוי: ״ישראליק[218] לא היה עושה כך; הוא היה

217) ע״פ קהלת י, כ: ״עוף השמים יוליך את הקול״.
218) הכוונה לבעש״ט.

בוכה ומשחיז את הסכין בדמעותיו"[219] — כשבעלי היה מספר זאת, היו פניו מאדימות מאוד, ומעיניו היו ניגרות דמעות שליש.

לא כל מספרי הסיפורים מרגישים כל־כך את פנימיות הסיפור, ונכנסים אל תוך עולמו של האדם שעליו הם מספרים.

219) ראה גם "שמועות וסיפורים" ח"ג (נ.י. תש"נ) ע' 148.

נדפס על ידי ולזכות

**יוסף יצחק הכהן** בן **רישא**

וזוגתו **נחמה דינה** בת **מלכה רייזל**

**אוריאל צבי הלוי** בן **גיטל עטל**

וזוגתו **בתי'** בת **שרה מינדל**

**שלום דובער** בן **רבקה נעמי**

וזוגתו **אסתר** בת **מרים**

**בנימין** בן **חדוה**

וזוגתו **רבקה רחל** בת **אסתר שיינדל**

ומשפחתם שיחיו לאריכות ימים ושנים טובות

להצלחה רבה ומופלגה בטוב הנראה והנגלה

בכל אשר יפנו בגשמיות וברוחניות

ולנחת רוח יהודי חסידותי מתוך שמחה וטוב לבב